בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קמ"ח

יו"ל: י"ב כסלו ה'תשפ"ה לפ"ק


מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

רבי נתן'ס תהלים זאגן

מנהגים שונים אצל אנ"ש

א הייליגער צונג

"הִנְנִי נִשְׁפָּט אוֹתָךְ עַל אָמְרֵךְ לֹא חָטָאתִי"

וואס האט ער דיר שלעכטס געטוהן?!

"ס'איז ניט איך!"

'איך האב א הרהור תשובה!'

"אזוי רעדט מען צו רבי שמעון'ען?"

"ספירה" - א גאנצער פּאַראַד

"דער ליטווישער טיש"

כמה פרטים אודות רבי אברהם
שטערנהארץ זצ"ל

געווארן "דם" ממש ביים סדר...

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו
כן כדי לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של $30 יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק:** 02.560.7387
**ארה"ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775
**לשמיעת השיעור המצו"ב**
**יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #148**

בס"ד

# פרשת קדושים

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 168#)

## רבי נתן'ס תהלים זאגן

רבי נתן האט געזאגט אין די טעג פון ספירה צוויי מאל תהלים[א]; ווי אזוי - ווייס איך נישט; ער האט געהאט צוויי שיעורים אין תהלים! אזוי האב איך געהערט - ספירה און שובבי"ם האט ער געהאט צוויי שיעורים אויף תהלים.

(השואל: אלול אויך?) אלול זענען דאך אלע מרבה בתהלים. דער רבי זאגט דאך אין דער תורה דארט[ב] אז דאס איז דער 'תהלים מסוגל לתשובה'.

רבי נתן'ס תהלים איז געווען געוואלדיג - זיין תהלים איז געווען געוואלדיג, געוואלדיג! מיט אזא מין דביקות האט ער געזאגט תהלים![ג]

---

[א] עיין ליקוטי עצות ערך 'מועדי ה' - ספירה ושבועות אות ג'.

[ב] ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ג: וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה, דְּהַיְנוּ **בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים**, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בּוֹ.

[ג] עיין הקדמת הרב מטשעהרין לספר עלים לתרופה מש"ש בא"ד בזה"ל: גַּם הָיָה עוֹסֵק הַרְבֵּה בִּתְפִלָּה וּבְתַחֲנוּנִים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת גָּדוֹל **כִּי הָיָה רָגִיל לוֹמַר בְּכָל יוֹם מִזְמוֹרֵי תְהִלִּים הַרְבֵּה וּבְהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל וּבִבְכִיָּה עֲצוּמָה וּבְקוֹלוֹת וּצְעָקוֹת גְּדוֹלוֹת וּמְשֻׁנּוֹת וּבְלֵב נִשְׁבָּר בֶּאֱמֶת כָּזֶה אֲשֶׁר לֹא יְאֻמַּן כִּי יְסֻפַּר, וְכָל הַשּׁוֹמֵעַ תְּצִלֶּינָה אָזְנָיו, וְרַבִּים רַבִּים מִיִּשְׂרָאֵל גַּם מֵהֲמוֹן עַם אֲשֶׁר לֹא הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלָיו כְּלָל וְכִמְעַט שֶׁלֹּא הִכִּירוּ אוֹתוֹ בְּפָנָיו כְּלָל וְנִתְעוֹרְרוּ לְתֻמָּם בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל דִּקְדֻשָּׁה עַל יְדֵי שֶׁשָּׁמְעוּ תְּפִלָּתוֹ וַאֲמִירַת תְּהִלִּים שֶׁלּוֹ וְסֵדֶר תִּקּוּן חֲצוֹת שֶׁלּוֹ וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כַּיָּדוּעַ וּמְפֻרְסָם עִנְיָן זֶה.**

דער רבי זאגט דארט[ד]: די ניין-און-פערציג טעג, דאס איז די ניין-און-פערציג שְׁעָרים, טויערן, און יעדער איינער דארף מכוון זיין צו זיין טויער. ווייל אמאל האט מען גארנישט קיין התעוררות; און אז ער האט שוין א התעוררות, טרעפט ער גארנישט זיין טויער; טרעפט ער שוין צו זיין טויער - איז דער טויער פארמאכט. זאגט דער רבי, דורך תהלים באקומט ער א התעוררות אויף תשובה; און ער טרעפט צו זיין טויער; און ער עפנט אויף דעם טויער!

קומט דאך אויס פון דארטן, די תשובה דארף האבן אסאך זאכן; עס איז דא ניין-און-פערציג טויערן פון תשובה; יעדער איינער דארף צוטרעפן זיין 'שער' - דעם 'שער השייך לשבטו'[ה].

❖

## מנהגים שונים אצל אנ"ש

(השואל: "ספירה" זאגט מען נאך "עלינו"?) יא יא - אין אוקריינע האט מען אזוי געזאגט.

(השואל: ביי אונזערע לייט?) אין גאנץ אוקריינע! דו מיינסט אז מיר פירן זיך אנדערש? וואס מיר טוהען א זאך - אזוי האט מען זיך געפירט אין גאנץ אוקריינע!

(השואל: "הזן ברחמיו" ביי 'ברכת המזון' האבן אלע געזאגט?) יא - כמעט אלע! דאכט זיך פון די פוסקים איז דא וואס מען זאל זאגן "הזן ברחמיו".

---

[ד] וזל"ש בקיצור (מליקוטי עצות, ערך 'תשובה'): מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה. כִּי יֵשׁ מְנִיעוֹת רַבּוֹת מְאֹד מִלַּעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה. כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה. וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁמִּתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, יֵשׁ כַּמָּה מְנִיעוֹת לָזֶה, כִּי יֵשׁ כַּמָּה, שֶׁשַּׁעַר הַתְּשׁוּבָה סָגוּר בִּפְנֵיהֶם, וְיֵשׁ שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר הַשַּׁיָּךְ לוֹ, שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם דַּיְקָא צָרִיךְ לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שְׁאָרֵי מְנִיעוֹת הַמּוֹנְעִים אֶת הָאָדָם מִן הַתְּשׁוּבָה, עַד שֶׁיָּכוֹל חַס וְשָׁלוֹם, לְבַלּוֹת יָמָיו וְלָמוּת בְּלֹא תְּשׁוּבָה, חַס וְשָׁלוֹם. וְעַל כָּל זֶה מְסֻגָּל אֲמִירַת תְּהִלִּים, שֶׁאֲפִלּוּ אִם אֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, עַל־יְדֵי תְּהִלִּים יִזְכֶּה לְהִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה. כִּי כָּל אָדָם וְאָדָם כְּפִי מַה שֶּׁהוּא, יָכוֹל לִמְצֹא אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ אֲמִירַת תְּהִלִּים, וְעַל־יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְהִתְעוֹרֵר וְלַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה וְלָבוֹא לְשַׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לְנִשְׁמָתוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר עַד שֶׁיִּזְכֶּה לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה. וְעַל־יְדֵי זֶה יָשׁוּב הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵלָיו וִירַחֲמֵהוּ אַשְׁרֵי לוֹ. עַל־כֵּן בִּימֵי אֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה עוֹסְקִין כָּל יִשְׂרָאֵל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים. כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה. אֲבָל צְרִיכִין לַעֲסֹק גַּם בְּכָל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים בְּכַוָּנָה, כְּדֵי לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל.

[ה] עיין תורה ט'.

"לדוד ה' אורי וישעי" האט מען געזאגט פאר דעם קדיש פון נאך שמונה עשרה; ווייל דער קדיש גייט אויף דעם "לדוד ה' אורי" אויך. מען פלעגט זאגן "לדוד ה' אורי" פאר דעם 'חצי קדיש' - נאך פון אוקריינע - אזוי האט מען אין אוקריינע געזאגט, ווייל אזוי גייט דער קדיש אויף דער תפילה אויך.

(השואל: דער רבי האט זיך געפירט אלע מנהגים אזוי ווי אונז?) ווייטער אזוי; וואס מיר טוהען אלץ - אזוי האט מען זיך געפירט אין גאנץ אוקריינע. אלע צדיקים האבן דאך אזוי געטוהן. אלע צדיקים זענען דאך געווען אין אוקריינע, דער בעל שם הקדוש, דער פולנאה'ער, דער בארדיטשובער - דאס איז אלץ אוקריינע.

(השואל: ווען האט מען געציילט דארטן ספירה דעם צווייטן טאג פסח? נאכן סדר?) **יא, נאכן סדר** האט מען געציילט - אוודאי.

❖

## א הייליגער צונג

(ר' אברהם יצחק מערמלשטיין: דער רבי זאגט[ו]: "כי גודל יקר הערך של לשון הקודש שבו נברא העולם". וואס איז דער פשט 'לשון הקודש'? וואס מיינט 'לשון הקודש'?) דער עיקר 'לשון הקודש' - האב איך געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס - מיינט מען 'תורה ותפילה', דאס איז דער עיקר 'לשון הקודש', וואס מער מרבה זיין בתורה ותפילה בפשיטות. פון רבי'ן קומט אויס - 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים'! רעדן גוטע הייליגע דיבורים![ז].

---

[ו] ליקוטי מוהר"ן סי' י"ט אות ג'.

[ז] עיין ליקוטי עצות (ערך ברית: פגמו ותיקונו, אות י"א) ע"פ תורה זו: **וְאַף עַל פִּי שֶׁמֵּשִׂיחַ וּמְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ בִּמְדִינָתֵנוּ, הוּא גַּם כֵּן בִּכְלַל לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ**, כִּי אַדְּרַבָּא, בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ צָרִיךְ דַּוְקָא לְדַבֵּר בְּלָשׁוֹן שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ (כַּמְבֹאָר בְּהִתְבּוֹדְדוּת אוֹת י"ג). רַק הָעִקָּר - שֶׁיִּשְׁמֹר אֶת הַלָּשׁוֹן לְקַדֵּשׁ אוֹתוֹ בְּדִבּוּרִים קְדוֹשִׁים שֶׁזֶּה בְּחִינַת שְׁלֵמוּת לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ. וְלִשְׁמֹר אֶת הַלָּשׁוֹן שֶׁלֹּא לְדַבֵּר דִּבּוּרִים רָעִים, שֶׁהֵם פּוֹגְמִין אֶת הַלְּשׁוֹן קֹדֶשׁ. וְעַל־יְדֵי קְדֻשַּׁת הַדִּבּוּר כַּנַּ"ל מַכְנִיעִין רָע הַכּוֹלֵל כַּנַּ"ל. עיין גם בליקוטי הלכות הל' חדש ה"ד אות י'.

דער עיקר 'לשון הקודש' איז טאקע תורה ותפילה, וואס מער תורה, וואס מער תפילה, אט דאס איז לשון הקודש! נאר פון רבי'ן קומט אויס, ווען מען רעדט 'הייליגע דיבורים' הייסט עס אויך 'לשון הקודש' - "**הייליג דעם צונג**"!

סתם אזוי רעדן אויף 'לשון הקודש' קען מען רעדן דיבורים פגומים אויך; מיט 'עברית' רעדט מען אזוי די אלע שמוץ - **דאס איז דען לשון הקודש?!**

דער רבי האט דאך געהייסן[ח] מען זאל האבן התבודדות דייקא אויף "לשון אשכנז", אויף "דזשארגאן", ווייל אזוי קען מען זיך גיכער דעם געדאנק בעסער אויסרעדן; האט דער רבי דייקא געהייסן רעדן אויף דזשארגאן.

טאקע די "ספרדים", ביי זיי איז עס זייער לשון[ט]; אבער אזוי - אוודאי - "לשון הקודש" איז אסאך 'תורה ותפילה'! 'תורה ותפילה' **דאס איז לשון הקודש!**

נאר אז מען רעדט גוטע דיבורים, מען רעדט פון דעם תכלית, הייסט עס אויך לשון הקודש.

מען זעהט דאך ארויס, רבי נתן האט אזוי געשמאק געזאגט תהלים - תהלים איז געווען א זאך! "תהלים", "שערי ציון", **דאס איז געווען ביי אונז פון די קביעות'דיגע!** מען האט יעדן טאג געזאגט תהלים, מען האט יעדן טאג געזאגט "שערי ציון", מען האט גערעדט צום אויבערשטן דיבורים, און "ליקוטי תפילות" אוודאי, איינס האט

[ח] ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ה: וּתְפִלָּה וְשִׂיחָה זוֹ יִהְיֶה בְּלָשׁוֹן שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ, דְּהַיְנוּ בִּמְדִינָתֵנוּ **בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז** כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל לְדַבֵּר בְּהַלָּשׁוֹן כָּל כָּךְ, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ אֲבָל **בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר בּוֹ כִּי הַלֵּב נִמְשָׁךְ וְקָרוֹב יוֹתֵר אֶל לְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז מֵחֲמַת שֶׁהוּא מֻרְגָּל בּוֹ וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז יָכוֹל לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ**. וְאֶת כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ יָשִׂיחַ וִיסַפֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ וכו' עיין שם.

[ט] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"כ: וְהָיָה טוֹב יוֹתֵר לְהִתְפַּלֵּל **בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז** שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ כִּי כְּשֶׁמִּתְפַּלְּלִים בְּלָשׁוֹן שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ, אֲזַי הַלֵּב סָמוּךְ וְדָבוּק מְאד בְּדִבּוּרֵי הַתְּפִלָּה, וְיָכוֹל לְדַבֵּק עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַךְ כְּבָר תִּקְנוּ לָנוּ אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה סֵדֶר הַתְּפִלָּה ... וְהִנֵּה מִי שֶׁמְּדַבֵּר **בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ** תָּמִיד **כְּגוֹן יְרוּשַׁלְמִי** אֵין צָרִיךְ לַחֲשֹׁב בְּדַעְתּוֹ פֵּרוּשׁ הַמִּלּוֹת, רַק שֶׁיַּטֶּה אָזְנוֹ לְמַה שֶּׁהוּא אוֹמֵר וְזֶה עִקַּר כַּוָּנָתוֹ בִּתְפִלָּתוֹ.

נישט סותר געווען דאס אנדערע, אדרבה, איינס האט געהאלפן דאס אנדערע; אבער מען זאל זאגן אז דאס יא און דאס נישט? ניין![י]

תהלים איז געווען - אַה! אונזערע לייט פלעגן אויסגיסן אסאך טרערן מיטן תהלים! תהלים איז געווען א געוואלדיגע התעוררות! טאקע דער "שערי ציון" אויך - דער "שערי ציון" איז געווען א התעוררות! און ליקוטי תפילות, און התבודדות, ס'איז געווען! און לערנען.

## "הִנְנִי נִשְׁפָּט אוֹתָךְ עַל אָמְרֵךְ לֹא חָטָאתִי"

דער עיקר איז, אז דער אויבערשטער העלפט א מענטש אז ער פילט זיינע ווייטאגן און אז ער דארף זיך ראטעווען, ער דארף נעמען רפואות, קען ער זיך נישט אנזעטיגן, ער זוכט אלץ רפואות, רפואות רפואות.

אז א מענטש מיינט אז ער איז א גאנצער, ער איז גאנץ, וואס פעלט אים דען?! עס קומט אים אויס - 'וואס? פארוואס דארף איך דאווענען?!' - צו דעם דארף מען אויך האבן א זכיה אז מען זאל פילן באמת דעם 'כאב חטאיו', דעמאלט וועט ער שוין זוכן רפואות[יא].

די ערגסטע זאך איז, דער גרעסטער חולה איז, אז ער פילט נישט אז ער איז קראנק. און נאך א זאך, אז ער מיינט אז ער איז 'לאחר יאוש'. אט דיביידע זאכן זענען מאבד דעם חולה אינגאנצן - אז ער מיינט ער איז געזונט, און אויב ער ווייסט אז ער איז קראנק - מיינט ער אז ער איז שוין א פארפאלענער - אט די צוויי געדאנקען אז ער האט, איז ער טאקע אין א סכנה.

---

[י] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"ד: הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת וְכוּ' וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים וְכוּ'. גם עיין חיי מוהר"ן אות תק"כ. שבחי הר"ן אות י'.

[יא] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קמ"א: אִם יִזְכֶּה שֶׁיַּרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת כְּאֵב חֲטָאָיו הַיְנוּ כְּשֶׁיָּמוּל אֶת עָרְלַת לְבָבוֹ. כִּי כָּל זְמַן שֶׁלִּבּוֹ עָרֵל וְאָטוּם, אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהַרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת, רַק כְּשֶׁיָּמוּל אֶת עָרְלַת לְבָבוֹ, וְיִהְיֶה לוֹ חָלָל בַּלֵּב, וַאֲזַי יַרְגִּישׁ לְבָבוֹ בֶּאֱמֶת גֹּדֶל כְּאֵבוֹ, וְיִצְטַעֵר וְיִתְחָרֵט בֶּאֱמֶת.

אבער אז ער ווייסט אז ער איז קראנק, און ער ווייסט אז ער קען האבן א רפואה, דאס איז זייער גוט. מען דארף וויסן אז מען איז קראנק, און מען דארף וויסן אז מען קען ווערן אויסגעהיילט.

עס איז פארהאן א פסוק[יב]: "הִנְנִי נִשְׁפָּט אוֹתָךְ עַל אָמְרֵךְ לֹא חָטָאתִי" - אויף דעם איז דער אויבערשטער ברוגז.

דוד המלך האט געזאגט דארט ביי נתן הנביא[יג]: "חָטָאתִי לַה'", (ואז תיכף אמר לו הנביא:) "גַּם ה' הֶעֱבִיר חַטָּאתְךָ לֹא תָמוּת".

עס ווערט געבראכט טאקע[יד], עס איז נגזר געווארן אויף דוד המלך מיתה, נאר וואס דען, אז ער האט געזאגט א ריינעם 'חטאתי' איז שוין נמתק געווארן דער דין. "לא תמות".

דער 'חטאתי' וואס א מענטש זאגט, דאס איז אזא מין הכנעה פארן אויבערשטן. דער חטא איז דאך אַן עזות, דער חטא איז דאך א חוצפה. יעדער פגם איז דאך א חוצפה און אַן עזות. איז דער 'חטאתי' וואס ער זאגט, די תפילה, דאס התבודדות, דאס איז א מין הכנעה פארן אויבערשטן.

עס שטייט טאקע ביי דער תוכחה[טו]: "אוֹ אָז יִכָּנַע לְבָבָם הֶעָרֵל" - טאמער דעמאלט וועט אביסל נכנע ווערן 'לבבם הערל'. אחאב'ן האט מען מוחל געווען, ווייל "וַיִּקְרַע בְּגָדָיו וַיָּשֶׂם שַׂק"[טז], ער איז נכנע געווארן.

---

[יב] ירמי' ב, לה.

[יג] שמואל-ב יב, יג.

[יד] עיין הקדמת הזוהר דף ח:

[טו] ויקרא כו, מא.

[טז] עיין מלכים-א כא, כז-כט: וַיְהִי כִשְׁמֹעַ אַחְאָב אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה **וַיִּקְרַע בְּגָדָיו וַיָּשֶׂם שַׂק** עַל בְּשָׂרוֹ וַיָּצוֹם וַיִּשְׁכַּב בַּשָּׂק וַיְהַלֵּךְ אַט. וַיְהִי דְּבַר ה' אֶל אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי לֵאמֹר. הֲרָאִיתָ כִּי נִכְנַע אַחְאָב מִלְּפָנָי **יַעַן כִּי נִכְנַע מִפָּנַי לֹא אָבִיא הָרָעָה בְּיָמָיו**, בִּימֵי בְנוֹ אָבִיא הָרָעָה עַל בֵּיתוֹ.

דער רבי ברענגט טאקע אין דער מעשה[יז]: **"דער גיבור וויל נאר הכנעה!"** איך וויל נישט גארנישט - נאר הכנעה! האב הכנעה פארן אויבערשטן! דו האסט אים דערצערנט? האב פאר אים הכנעה! זיי נישט קיין עזות פנים![יח]

## וואס האט ער דיר שלעכטס געטוהן?!

דאכט זיך עס איז געווען ביים - - (לא ברור), ביים רבי'ן ר' אלימלך איז ער געווען, ער איז געווען פון די גרויסע מענטשן. עס איז אריינגעקומען צו אים איינער נעבעך א זינדיגער מענטש, און יענער איז געווען אַן עזות פנים נאך אויך. איז ער אריינגעקומען צו דעם צדיק. האט ער אים געזאגט: **"זאג מיר, וואספארא שלעכטס האט דיר דער אויבערשטער געטוהן וואס דו ביסט אזוי קעגן אים?!"**.

**"וואספארא שלעכטס האט דיר דער אויבערשטער געטוהן, אז דו גייסט אזוי אנטקעגן אים?!"**

**האט ער אים אזוי צובראכן מיט דעם וואָרט. ער איז געווארן א בעל תשובה.**

**ער האט דערהערט ווערטער...**

❖

[יז] מעשה מהבעל תפילה - מעשה י"ב מספה"ק סיפורי מעשיות.

[יח] עיין ליקוטי הלכות הל' ה"ג אות ד': וְזֶהוּ שֶׁאוֹמְרִים, שֶׁאֵין אָנוּ עַזֵּי פָּנִים וּקְשֵׁי עֹרֶף לוֹמַר לְפָנֶיךָ וְכוּ' צַדִּיקִים אֲנַחְנוּ וְלֹא חָטָאנוּ, הַיְנוּ שֶׁלִּפְעָמִים מֵחֲמַת הַבּוּשָׁה שֶׁמִּתְבַּיְּשִׁים מֵחֲבֵרוֹ עַל שֶׁחָטָא נֶגְדּוֹ, עַל יְדֵי זֶה כּוֹפֵר נֶגְדּוֹ לְגַמְרֵי וְאוֹמֵר לֹא חָטָאתִי וּבֶאֱמֶת זֶהוּ עִקַּר הָעַזּוּת כַּנַּ"ל. מִכָּל שֶׁכֵּן נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת וְזֶהוּ שֶׁאוֹמְרִים, שֶׁאֵין אָנוּ עַזֵּי פָּנִים וְכוּ'. כְּלוֹמַר כִּי בֶּאֱמֶת מַה שֶּׁאָנוּ מִתְוַדִּים אֵין זֶה עַזּוּת חַס וְשָׁלוֹם, כִּי אֵין אָנוּ עַזֵּי פָּנִים לוֹמַר צַדִּיקִים אֲנַחְנוּ וְלֹא חָטָאנוּ, כִּי בֶּאֱמֶת זֶה דַּיְקָא הוּא עַזּוּת מִי שֶׁאוֹמֵר לֹא חָטָאתִי אַף שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁהוּא אוֹמֵר לֹא חָטָאתִי מֵחֲמַת בּוּשָׁה, אֲבָל בֶּאֱמֶת זֶה דַּיְקָא עִקַּר הָעַזּוּת דְּסִטְרָא אָחֳרָא וְכַנַּ"ל. אֲבָל אֲנַחְנוּ אֵין לָנוּ זֶה הָעַזּוּת חַס וְשָׁלוֹם, רַק שֶׁאָנוּ מִתְגַּבְּרִין בְּעַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה לְהִתְוַדּוֹת וְלוֹמַר לְפָנֶיךָ חָטָאנוּ. וְזֶהוּ, אֲבָל אֲנַחְנוּ חָטָאנוּ וְכוּ'. וְאַף עַל פִּי שֶׁהוּא עַזּוּת גָּדוֹל, אֲבָל זֶה הָעַזּוּת אַתָּה חָפֵץ וְזֶה הָעַזּוּת נִמְשָׁךְ מִבּוּשָׁה דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל שֶׁזֶּה הָעַזּוּת מֻכְרָח מְאֹד לַעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ.

(ר' משה בינענשטאק: רבי נתן האט געזאגט עפעס אז ווען דער חולק זאל חרוב מאכן נאר די אקדמות און די לעצטע ספירה?) **יא**[יט].

(ר' משה: אין נעמיראוו האבן שוין נישט אלע געקענט קומען?) **עס האבן געקענט קומען א צוויי-דריי מענטשן. זיי האבן מורא געהאט.**

(ר' משה: אבער אזוי זענען געווען אלע צוזאמען אין ברסלב?) **אוודאי! דער עיקר מסירה איז דאך געווען אויף דאס 'זיך צונויפקומען', אויף וואס ער מאכט אסיפות דארט אזוי**[כ].

❖

## "ס'איז ניט איך!"

בכח פון דעם רבי'ן, אז דער איבערשטער העלפט, ווייסט מען אז מען דארף האבן א רפואה און אז מען איז קראנק. אפילו ער איז א גרויסער למדן, צו וואס ער איז נאר, אבער אז ער ווייסט אז ער דארף האבן א רפואה, דאס איז א געוואלדיגע זאך; א מענטש אז ער ווייסט ער אז ער דארף האבן א רפואה, דאס איז א געוואלדיגע זאך.

א מענטש גייט אמאל ארום מיט א פולן בויך - "ער איז און ער איז און ער איז" - 'וואס פעלט מיר?!'.

מען דערציילט אויפן רַב, ווען ער האט געבראכט דעם "ברכת הנהנין" - ער האט דאך דאס געמאכט אזוי מיט אריכות'ן, האט ער דאס געבראכט צום מגיד און דאס אוועקגעלייגט פאר אים. (אמר המגיד:) "עס איז זייער שיין געמאכט!". האט דער מגיד א פרעג געגעבן: "ווער איז?" האט ער געזאגט: "איך"!

---

[יט] עיין עלים לתרופה במכתב ממוצ"ש במדבר תקצ"ו: וִימֵי שָׁבוּעוֹת מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין. שָׁבוּעוֹת חָדָשׁ שֶׁלֹּא עָבַר עָלַי כָּזֹאת זֶה כַּמָּה שָׁנִים שֶׁאֶהְיֶה מֻכְרָח לִהְיוֹת בְּנֶעמְרוֹב. וִיהְיֶה פַּחַד מִלְּהִתְקַבֵּץ יַחַד לוֹמַר יַחַד אַקְדָּמוֹת. **וְאִם לֹא מָנְעוּ הַמּוֹנְעִים כִּי אִם אֲמִירַת הָאַקְדָּמוֹת שֶׁל הַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ שֶׁלָּנוּ גַּם כֵּן רָאוּי שֶׁיָּבוֹא עֲלֵיהֶם מַה שֶּׁיָּבוֹא.** עיין גם שיש"ק (חדש) ח"ב אות שצ"ח.

[כ] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות שפ"ט.

ווען ער איז אוועקגעפארן דארטן פונעם מגיד האט ער געהאט עפעס א נסיון[כא], מען האט אים חושד געווען אויף עפעס א זאך, און מען האט אים געשלאגן. האט ער געשריגן: **"ניט איך - ס'איז ניט איך, ס'איז ניט איך!"** איז ער געקומען צוריק צום מגיד. (אמר לו המגיד:) **"אז דו האסט געזאגט פריער - "איך", האסטו איצטער שוין געדארפט שרייען - 'ניט איך'!"**.

**דער ווארט "איך" איז דעם מגיד נישט געפאָלן.**

**עס איז א ידוע'דיגער ווארט - ביי זיי ווייסט מען עס, אין חב"ד.**

**דער אויבערשטער וויל הכנעה; ווי אזוי דו ביסט, ווייס אז דו האסט דעם אויבערשטן דערצערנט, ממילא גיט ער דיר א בזיון, "וּבֹזַי יֵקָלּוּ"[כב], איך דארף אויך ווערן פארשעמט; אז איך האב מבזה געווען דעם אויבערשטן, דארף איך אויך ווערן פארשעמט.**

**א מענטש אז ער האט הכנעה, איז דאך דער פשט, ער האט הכנעה פארן אויבערשטן, ממילא רעדט ער שוין נישט אזוי שטארק, אזוי הויך, אזוי חוצפה'דיג, ער רעדט שוין נישט אזוי מיט א געלעכטער. אין דעם ווארט 'הכנעה' גייט שוין אלץ אריין.**

**אט דאס האט רבי נתן געזאגט** (על המשנה[כג]:) **"הקנאה והתאוה והכבוד" וכו'. "מילא דו האסט קנאה, דו ביסט א בעל תאוה - ווילסט נאך כבוד אויך?!"[כד]**.

---

[כא] עיין תוכן הסיפור בקונטרס 'שר האלף' שי"ל ע"י מכון 'משך הנחל' דף ט"ז.

[כב] שמואל-א ב, ל. עיין גם ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות ב'.

[כג] עפ"י המשנה במסכת אבות פ"ד, מכ"א.

[כד] עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ו אות י"ג: בְּוַדַּאי הַתַּאֲוָה לְבַד מַזֶּקֶת מְאֹד לְהָאָדָם, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן **אִם לֹא הָיָה חָפֵץ בְּכָבוֹד הָיָה לוֹ תִּקְוָה**, כִּי הָיָה מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ הַשָּׁפֵל וְהָיָה מְבַטֵּל אֶת עַצְמוֹ נֶגֶד יִרְאֵי ה' הָאֲמִתִּיִּים וְהָיוּ יְכוֹלִים לְהוֹשִׁיעַ לוֹ בְּכַמָּה אֳפָנִים כִּי הוֹלֵךְ אֶת חֲכָמִים יֶחְכָּם (מִשְׁלֵי יג), וּבְוַדַּאי הָיָה לוֹ תִּקּוּן גָּדוֹל עַל יָדָם. **אֲבָל הַכָּבוֹד הַמְדֻמֶּה שֶׁל זֶה הָעוֹלָם מַטְעֵהוּ וּמַטְרִידוֹ** שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁיְּאַבֵּד כְּבוֹדוֹ כְּשֶׁיִּתְקָרֵב לִירֵאִים וּכְשֵׁרִים אֲמִתִּיִּים. וּמֵחֲמַת זֶה מַטְעֶה אֶת עַצְמוֹ וְחוֹתֵר לִמְצֹא עֲלֵיהֶם קֻשְׁיוֹת וּסְפֵקוֹת וְכוּ' וּמִתְרַחֵק מֵהֶם, וכו' עיין שם.

לאַ דַי דו האסט קנאה, דו ביסט א בעל תאוה'ניק, ווילסטו נאך כבוד אויך?! - אט דאס איז שוין "מוציאין את האדם (מן העולם)". כבוד איז דער היפך פון הכנעה[כה].

## 'איך האב א הרהור תשובה!'

נאך א זאך; דער אמת איז דאך, דאס איז א געוואלדיגע אזהרה אז דער מענטש זאל זיין בשמחה תמיד. דער מענטש וואס דער אויבערשטער העלפט אים אז ער הויבט אָן מרגיש זיין זיינע (חסרונות) וואס ער איז נישט גאנץ מיטן אויבערשטן, דארף ער זיין דערפון מלא שמחה; ווארום עס איז דאך דא א מענטש וואס ווייסט גארנישט אז עס פעלט אים עפעס, דארף ער דאך זיין מלא שמחה דערפון – 'ברוך ה', איך ווייס אז איך בין נישט גאנץ - און איך ווייס די עצות פאר דעם!'[כו].

דער רבי זאגט[כז]: "דורך שמחה קומט מען צו ישוב הדעת"; דורך שמחה קען מען זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן. די אלע דיבורים וואס מיר רעדן, איז נישט חלילה אז דער מענטש זאל ווערן דערפון מרה שחורה'דיג אז עס איז פארמאכט אלע וועגן, אז ער קען גארנישט רירן זיך און אז ער האט גארנישט קיין שום וועג - דאס איז א כבידות, אַן עצלות ווערט דערפון, דאס איז גארנישט.

אז מען הערט א דיבור וואס דער דיבור ברענגט אריין אין מיר א הרהור תשובה - דארף איך זיין מלא שמחה פון דעם דאזיגן דיבור - 'איך האב א הרהור תשובה!'

---

[כה] עיין ליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ה אות ח': בְּוַדַּאי מִי שֶׁיַּרְגִּישׁ שִׁפְלוּתוֹ בֶּאֱמֶת וְיָשִׂים אֶל לִבּוֹ אֵיךְ הוּא מְלֻכְלָךְ בַּעֲוֹנוֹתָיו וְתַאֲוֹתָיו וּפְגָמָיו הָרַבִּים בְּוַדַּאי יֵלֵךְ עַל יָדָיו וְעַל רַגְלָיו וִיבַקֵּשׁ בְּכָל כֹּחוֹ אֶת רוֹפֵא הָאֲמִתִּי שֶׁיּוּכַל לְרַפֵּא תַּחֲלוּאֵי נַפְשׁוֹ, כִּי מִי יוּכַל לִסְבֹּל לִהְיוֹת מְלֻבָּשׁ בִּבְגָדִים צוֹאִים וּמְטֻנָּפִים. אַךְ הַבְּגָדִים צוֹאִים בְּעַצְמָן מְבַלְבְּלִין אֶת דַּעְתּוֹ וּמְעַקְמִין אֶת לְבָבוֹ עַד שֶׁעוֹשֶׂה עַצְמוֹ כְּלֹא יֵדַע אֶת טִנּוּף מַעֲשָׂיו. **וְחָפֵץ עֲדַיִן בְּכָבוֹד שֶׁל הָעוֹלָם הַזֶּה וְנוֹפֵל בְּגֵאוּת וְגַסּוּת הָרוּחַ. וְעַל יְדֵי זֶה אֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְקָרֵב אֶל הָאֱמֶת** שֶׁלֹּא יַלְעִיגוּ עָלָיו בְּנֵי אָדָם. וְיִהְיֶה נֶחְשָׁב בְּעֵינֵיהֶם כְּשׁוֹטֶה וְכִמְשֻׁגָּע.

[כו] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ח: וּכְבָר דִּבַּרְנוּ מִזֶּה, שֶׁכְּשֶׁהָאָדָם מֻנָּח לְמַטָּה לְגַמְרֵי, וְרוֹאֶה שֶׁהוּא בַּדְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה, חַס וְשָׁלוֹם, רָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, רָאוּי לוֹ לְהַחֲיוֹת עַצְמוֹ בָּזֶה בְּעַצְמוֹ, הַיְנוּ כִּי זֶהוּ בְּעַצְמוֹ הוּא הִתְקָרְבוּת, מֵאַחַר שֶׁרוֹאֶה שֶׁהוּא רָחוֹק. כִּי מִקֹּדֶם הָיָה מְרֻחָק כָּל כָּךְ, עַד שֶׁלֹּא הָיָה יוֹדֵעַ כְּלָל שֶׁהוּא רָחוֹק, **וּמֵאַחַר שֶׁעַל כָּל פָּנִים יוֹדֵעַ שֶׁהוּא רָחוֹק זֶהוּ בְּעַצְמוֹ הִתְקָרְבוּת, וּבָזֶה בְּעַצְמוֹ רָאוּי לוֹ לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ וְלָשׁוּב אֶל ה'.**

[כז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י'.

**א הרהור תשובה איז נישט קיין קלייניקייט - עס איז נישט קיין קלייניקייט דאס!**

(ר' נחמן בורשטיין מופיע בשיעור) **מען האט גערעדט דא און דער גאנצער עולם האט געשוויגן; ווען נחמן איז דא רופט ער זיך אָן עפעס א ווארט - דערווייל שווייגן אלע...**
(ר' נחמן בורשטיין: איך בין דער איינציגער שייגעץ?!...)

## "אזוי רעדט מען צו רבי שמעון'ען?"

עס שטייט א לשון אין זוהר הקדוש - אין אחרי איז געווען דער זוהר[כח]; איינע פון די דריי תלמידים וואס זענען נפטר געווארן אין דער אידרא האט עפעס א פרעג געגעבן רבי שמעון'ען, איך געדענק נישט וואספארא לשון, עפעס א קבלה לשון. האט זיך אנגערופן רבי אבא: "אזוי רעדט מען צו רבי שמעון'ען?! אזוי רעדט מען צו רבי שמעון'ען?!" האט געזאגט רבי שמעון: "איידער דאס וועט זיין - וועסטו שוין נישט זיין!".

עס קומט אויס דארטן, ער איז געווען רבי שמעון'ס א תלמיד, און ער איז געווען פון די גדולים, נאר ער האט גערעדט עפעס צו רבי שמעון'ען נישט מיט דעם לשון וואס מען דארף רעדן. האט רבי אבא געזאגט: "אזוי רעדט מען צו רבי שמעון'ען?!". דאכט זיך - רבי ייסא - אין דער אידרא איז ער נסתלק געווארן, איז ער דאך געווען עפעס א כלי.

"אזוי רעדט מען צו רבי שמעון'ען?!"

דער לשון איז אזוי ווי א גדול צו א גדול - נישט מיט דעם לשון פרעגט מען רבי שמעון'ען.

זעהען מיר, אפילו ביי די גדולים - דאס איז עפעס א קלייניקייט?! - די תלמידים פון רבי שמעון'ען! נאר ער האט נישט גערעדט מיט דער הכנעה, מיט דעם ביטול, וואס מען דארף רעדן צו רבי שמעון'ען.

דער אויבערשטער וויל הכנעה; דו רעדסט צו מיר - רעד מיט הכנעה.

---

[כח] דף עט.

אזוי ווי רבי יודל וואס ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן - "יורינו רבינו דרך לעבודת ה'". ער איז געווען א גדול, אבער די הכנעה איז דארטן שוין נישטא; אז עס איז נישטא די הכנעה, קען שוין רבי יודל נישט ווערן "רבי יודל", קען ער שוין נישט זיין דאס וואס דער רבי האט געוואלט[כט] (לכן אמר לו רבינו: "לדעת בארץ דרכך?!").

אזוי איז ביי יעדער זאך, אז דו רעדסט צום אויבערשטן - רעד מיט הכנעה - 'רבונו של עולם, דו ביסט אוודאי גערעכט!' - מיט הכנעה; אז דו רעדסט צום צדיק - רעד מיט הכנעה - דאס וויל דער אויבערשטער: "**או אז יִכָּנַע לבבם הערל**".

אז א מענטש האט הכנעה, האט ער שוין הכנעה אנטקעגן אַן אנדערן אויך; אז א מענטש האט דער מידה פון הכנעה, רעדט ער שוין נישט אזוי הויך, ער רעדט שוין נישט אזוי חוצפה'דיג, די הכנעה גייט אריין אומעטום; אז איך בין א נכנע, האב איך בכלל גאר אַן אנדערע מידה.

(ר' נחמן בורשטיין: ר' אברהם ר' נחמן'ס ברענגט דעם פסוק "או אז יכנע לבבם הערל" אויפן גיבור![ל])
יא יא, דער גיבור וויל הכנעה, מיר האבן פריער גערעדט, "דער גיבור וויל הכנעה".

לכאורה, דער גיבור וויל דאך אז מען זאל מקיים זיין דער תורה? דער תירוץ איז, אין אלע מצוות התורה דארף מען ניצן הכנעה; וואס מען טוהט א זאך - מיט הכנעה! איך לערן - מיט הכנעה; איך דאוון - מיט הכנעה; איך האב הכנעה פארן אויבערשטן, נישט לערנען מיט א גרויסקייט (וכדו'). ער וויל הכנעה! וואס דו טוהסט זאל זיין מיט הכנעה!

---

[כט] עיין שיחות הר"ן אות רצ"ב; כוכבי אור – אנשי מוהר"ן אות כ"ג.

[ל] עיין כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות ה': וְכֵן מְבֹאָר מִצֵּרוּפֵי דִּבְרֵי מוֹהֲרַנַ"ת בְּפֵרוּשׁ הַמַּעֲשֶׂה מֵהַבַּעַל תְּפִלָּה (שֶׁבְּסֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת), אֲשֶׁר מִדַּת הַגְּבוּרָה (שֶׁהוּא מִדַּת הַדִּין הַנִּמְצָא לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְתוֹרָתוֹ בְּתוֹכָחָה וּקְלָלוֹת) תִּתְקָרֵב בְּכָל עֵת יוֹתֵר לְהַחֲרִיב אֶת הָעוֹלָם הַנִּקְרָא בְּשֵׁם מִדַּת תַּאֲוַת מָמוֹן, (וְעִקַּר רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּמִדַּת גְּבוּרָתוֹ הַנַּ"ל הוּא הַכְנָעָה וְהַבִּטּוּל אֵלָיו יִתְבָּרַךְ כִּלְשׁוֹן רַבֵּנוּ זַ"ל בְּסִפּוּר הַמַּעֲשֶׂה הַנַּ"ל. שֶׁהוּא לָשׁוֹן הַכָּתוּב בְּתוֹכָחָה: "אוֹ אָז יִכָּנַע לְבָבָם"). גם עיין ביאור הליקוטים - השמטות בסוף הספר מר' שלמה וועקסלער: אֶתְמוֹל שַׁבָּת מִשְׁפָּטִים שָׁמַעְתִּי מֵהָרַב ר' אַבְרָהָם זַ"ל [עַל הַפָּסוּק], דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ אֵלּוּ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה שֶׁבֵּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְיוֹם הַכִּפּוּרִים, וְאָז הַזְּמַן שֶׁנִּמְצָאִים עֲשָׂרָה בְּנֵי הַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ שֶׁל הַבַּעַל תְּפִלָּה שֶׁסִּפֵּר רַבֵּינוּ זַ"ל בְּמַעֲשֶׂה י"ב. כִּי רֹאשׁ הַשָּׁנָה [שֶׁהוּא] נֶגֶד מִדַּת הַדִּין כַּמּוּבָא בְּחִינַת דִּינָא קַשְׁיָא, נֶגֶד הַגִּבּוֹר שֶׁהָלַךְ לִכְבֹּשׁ מְדִינוֹת וְלֹא הָיָה רוֹצֶה כִּי אִם הַכְנָעָה וְכוּ' וְהָיָה מַנִּיחָם, וְאִם לָאו הָיָה מַחֲרִיבָם וְכוּ', וְזֶה [כַּוָּנַת] הַכָּתוּב אוֹ אָז יִכָּנַע לְבָבָם הֶעָרֵל וְאָז יִרְצֶה אֱלֹקִים עֲוֹנָם וְכוּ'.

# "ספירה" - א גאנצער פּאַראַד

(השואל: עס איז געווען אין אומאן א גרויסע התעוררות ביי 'ספירת העומר'?) **יא!**[לא]

**איך בין געווען אין ברסלב עטליכע מאל. איך האב געהערט אז ביי רבי נתן'ען ביי דער לעצטער ספירה איז געלעגן א פחד אויפן גאנצן שטעטל! עס איז געגאנגען קולות אין דעם גאנצן שטעטל! די קולות האבן זיך געהערט אינגאנצן - עס איז געלעגן אזא מין פחד - אלע האבן פארמאכט די קלייטן, עס איז געווען א פחד א שרעק, א פחד ה' איז געווען!**

**אז מען איז געקומען צו רבי נתן'ען אויף שבועות, איז מען געקומען פריער מיט א טאג, מען האט געוואלט האבן די לעצטע ספירה. איז געווען א פחד אין דעם גאנצן שטעטל. ברסלב איז געווען פול מיט פחד ה' מיט די קולות, מיט די געשרייען.**

**אזוי איז אויך געווען שבועות ביי די "אקדמות" - א געוואלדיגע התעוררות איז געווען!**[לב]

(ר' נחמן: עס איז געווען ביים רבי'ן אין זאסלאב) **יא יא, ווען דער רבי איז געווען אין זאסלאב** (שבועות שנת תקס"ז[לג]) **זענען געקומען עטליכע מענטשן צו פארן פאר שבועות עטליכע טעג. אזוי** (- אצל העולם) **- ספירה אפגעציילט, און שוין, פארטיג. אבער זיי זענען געבליבן און זיי האבן געשריגן צום אויבערשטן דארטן. דער שמש וויל שוין פארמאכן דער שול - און זיי שרייען און שרייען...**

**גייט דער שמש אריין צום רבי'ן** (און רעדט זיך אפ:) **"עס איז געקומען דא עטליכע משוגעים און שרייען און שרייען - זיי לאזן מיר נישט צומאכן דער שול!".**

---

[לא] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות ז': וְזֶה בְּחִינַת גֹּדֶל הַצְּעָקָה מֵעֹמֶק הַלֵּב שֶׁנּוֹהֲגִין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים לִצְעֹק בִּשְׁעַת הַסְּפִירָה. גם ליקוטי הלכות הל' דם ה"א, אות ו': וְעַל כֵּן בִּשְׁעַת סְפִירָה הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל וְהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ מְאֹד לַה' יִתְבָּרַךְ, כִּי עִקַּר הַסְּפִירָה הוּא בְּחִינַת הִשְׁתּוֹקְקוּת וְכִסּוּפִין דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל.

[לב] עיין שיחות הר"ן אות רנ"ו מה ששיבח פעם רביז"ל את האקדמות מאד.

[לג] כמובא בחיי מוהר"ן אות קנ"ג; ימי מוהרנ"ת אות כ'.

דער רבי האט אים גארנישט געענטפערט. אז עס איז געקומען צומארגנס, זענען שוין געקומען מערער, און אז עס איז געקומען שוין נענטער מיט א טאג, איז שוין געקומען נאך מער מענטשן, האבן זיי שוין נאך מער געשריגן. היינט איז שוין מער שרייערס. אז עס איז שוין געקומען דאס לעצטע - - עס איז אלעמאל געווארן מערער די שרייערס.

אז עס איז געקומען שבועות, האט דער שמש געזעהן אז דאס איז געווען דעם רבי'נס מענטשן און דער רבי איז זיי גאר מקרב. האט ער זיך אזוי געשעמט, דער שמש; ער האט זיך אפגערעדט פארן רבי'ן אז עס איז געקומען משוגעים - און עס איז גאר זיינע מענטשן געווען, האט ער זיך זייער געשעמט, איצטער זעהט ער עס איז זיינע מענטשן, גרויסע מענטשן.

אין דעם יאר האבן מיר אזעלכע גוטע צייטן וואס מען קען עפעס (דערלאנגען).

דאס וואס מיר האבן צייטן אין יאר, דאס איז נישט געווען, האט דער אויבערשטער געגעבן אלע טאג א גוטע צייט, אלע נאכט א גוטע צייט, וואס מען קען עפעס האבן א הרהור תשובה.

מען גיט אונז רפואות, נאר מיר זאלן נעמען די רפואות! מיר זאלן נעמען די רפואות!

זייער זייערע טייערע רפואות גיט אונז דער רבי; דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיי נעמען, מען זאל זיך נישט עקשנ'ען, האבן הכנעה און נעמען די רפואה.

(ר' נחמן בורשטיין: ר' ברוך אפרים מיט ר' מענדלע ליטוואק זענען געפארן [בתחילת התקרבותם לאנ"ש]. אז זיי זענען געקומען קיין ברסלב ספירה צייט, האבן זיי געהערט א ספירה, האבן זיי געזאגט: "אז מען קען מאכן פון דער ספירה אזא פּאַראַד - דעמאלט ליגט דא סחורה!" - אזוי האב איך געהערט) אזוי? איך האב עס נישט געהערט!

## "דער ליטווישער טיש"

(ר' נחמן: ר' ברוך אפרים האט זיך צוגעקלעפּט צו דעם טשעהרינער רב, און ר' מענדלע ליטוואק צו ר' נחמן טולטשינער) "האמלע" - דאס איז א רוסישע שטאט (- האמל, בעלארוס), דארט איז

געוועז א גרויסער קיבוץ פון חב"ד, אין די צייטן פון רבי מענדעלע - דער צמח צדק - איז דאס געוועזן. רבי מענדעלע איז געוועזן אין ליובאוויטש.

(ר' נחמן: ר' מענדל ליטוואק איז אויך געוועזן פון חב"ד?) אוודאי, זיי זענען געוועזן פון רבי מענדעלע'ס חסידים, זיי זענען געוועזן פון די גרויסע מענטשן ביי רבי מענדעלע'ן.

(ר' נחמן: ר' נפתלי כהן האט געזאגט, אז ר' ברוך אפרים איז געוועזן א "חוזר" [- מכותבי המאמרים והשיחות] ביים "צמח צדק"!)

ווען זיי זענען געווארן מקורב, זענען געווארן מקורב נאך ליטוואקעס פון האמלע. איך האב נאך אויך פארכאפט איינעם - ר' שמעון דער ליטוואק פון האמלע.

(ר' נחמן: נאך פון יענע צייטן טאקע?) ער האט מאריך ימים געוועזן.

(ר' נחמן: ער איז מקורב געווארן אין דער זעלבער צייט פון ר' מענדלע מיט ר' ברוך אפרים?) ווייס איך נישט; ער איז אויך געוועזן פון האמלע. עס איז געוועזן א טיש, מען האט עס גערופן "דער ליטווישער טיש" - אלץ פון האמלע.

ר' שמעון'לע האט געשמאק געדאווענט! ער איז נפטר געווארן אין שול.

(ר' נחמן: ער איז געוועזן א זקן?) יא, א זקן גדול. ער האט זייער געשמאק געדאווענט, ער איז נפטר געווארן אין אומאן אין שול.

(ר' נחמן: וועלכער יאר איז ער אוועק?) אין די פא'ען.

איך געדענק אז ער איז געלעגן אין שול, און די לויה איז ארויסגעגאנגען פון שול, און אין שול האט מען אויפגענייט די תכריכים, אלץ אין שול.

ר' שמעון! ער האט זייער געשמאק געדאווענט! א געשמאקער אידל! אז א איד א זקן זאל דאווענען אזוי געשמאק, דאס איז נישט שכיח.

אין יענע צייטן זיין א מקורב צום צמח צדק - און ווערן א ברסלב'ער חסיד - אָה האָ אָה האָ!

ר' מענדעלע - א זיסקייט, א געשמאקייט אין נגינה האט ער געהאט אין זיך.

עס איז געקומען אמאל דער איספראווניק. דאס הייסט - אזוי ווי דא - איך ווייס? א מושל פון די מיליטער; א גרויסער מענטש פון די מיליטער. ער פלעגט אלעמאל קומען צו גיין - דער איספראווניק - וועגן די קריגערייען. אז ער איז געקומען צוגיין איז געווארן שטיל.

אמאל איז ער געקומען צו גיין מיט דער פרוי זיינער, און ר' מענדעלע איז געשטאנען, ער האט געדאוונט אזוי – "ר' מענדעלע דאוונט"! האט ער זיך אנגערופן צו זיין פרוי: **"ווען איך בין א גאט - וואלט איך אים גלייך געגעבן וואס ער וויל!"**

**"וואס ער וויל וואלט איך אים געגעבן!" - ער בעט אזוי!**

❖

## כמה פרטים אודות רבי אברהם שטערנהארץ זצ"ל

ר' אברהם (שטערנהארץ) האט אונז דערציילט אז מען האט אים גערעדט א שידוך - ר' ברוך אפרים'ס א טאכטער.

מען האט אים גערעדט די צוויי, ר' ברוך אפרים'ס, און ר' יוסף יונה'ס. האט ער געפרעגט דעם רָב (הרב מטשעהרין, זקינו); דער רב האט בעסער געהייסן נעמען ר' יוסף יונה'ס.

אנדערע האבן אים געזאגט ער זאל נעמען בעסער ר' ברוך אפרים. ר' ברוך אפרים איז געווען מער א למדן און פארמעגליך אביסל מערער. נאר דער רב האט אים געהייסן נעמען ר' יוסף יונה.

(אחד הנוכחים: זי [- זוגתו של ר"א מרת איטא בתיה] איז געווען אַן אשה כשרה!) (ר' נחמן: מען זאגט, אז זי פלעגט רעדן - האט מען נישט געוואוסט אז אַן אשה רעדט...) **איך פלעג הערן פון איר רעדן דיבורים פון דעם רבי'ן!**

ער פלעגט עס דערציילן אליין - 'דער זיידע האט געהייסן, האט ער געפאלגט דעם זיידן!'.

(השואל: זי פלעגט קומען אויף ראש השנה?) **ניין! איידער ר' אברהם איז ארויסגעקומען קיין אומאן איז זי נישט געקומען.**

(אחד הנוכחים: זי האט געפרעגט פארוואס ער פארט צוריק אויף יום כיפור קיין קרימענטשוק?) **דעמאלט האט ער שוין געוואוינט אין אומאן; ר' אברהם, אז עס איז געווארן אוים טשעהרין** (אחרי הבאנדעס)**, איז מען אריין קיין קרימענטשוק. האט ר' אברהם געוואוינט אין קרימענטשוק. ער פלעגט קומען אויף ראש השנה און געפארן קריק.**

**נאכדעם ווען ער איז שוין ארויס קיין אומאן, ער האט שוין געוואוינט אין אומאן, איז ער נאך געפארן אויף יום כיפור קיין קרימענטשוק, ער איז געווען דער חזן דארטן, איז ער געווען דארטן סוכות אויך, און נאכדעם איז ער געקומען קריק. האט זי נישט געוואלט פארן - "דו ביסט דא אין אומאן - פון וועמען פארסטו אוועק?!".**

**א קבוע'דיגער אין אומאן איז ער געווארן שוין אין די סוף פא'ן, פ"ט-צ'. תרצ"ו איז ער שוין געקומען קיין ארץ ישראל.**

(ר' נחמן: ער איז נאך געווען אביסל יונגער דעמאלט - עטליכע אין זיבעציג יאר!) **איך געדענק אים נאך ווען ער איז אלט געווען צוויי־און־פופציג יאר - א יונגערמאנטשיקל מיט א שווארץ בערדל, עטליכע גרויע האר.**

(ר' נחמן: אין טשעהרין איז ער געווען העכער ווי דא?) **העכער! און ר' נתן** (- בנו של ר' אברהם שטערנהארץ) **איז געווען אסאך העכער. ר' אברהם איז נישט געווען קיין הויכער מענטש, א מיטעלער, נאר ר' נתן איז געווען א הויכער מענטש, דא איז ער געווארן ממש קליין, ער איז געווארן קלענער מיט - - ער איז געווארן איינגעצויגן, איינגעשרומפן.**

(ר' נחמן: ר' נתן שטערנהארץ פלעגט אלעמאל דערציילן פון די באנדעס, מען האט אים שוין אויסגעשטעלט צו שיסן, ער האט געשריגן "שמע ישראל"! האט ער געזאגט אז ער ווינטשט זיך אז פאר דער פטירה זאל ער שרייען אזא "שמע ישראל" ווי ער האט דעמאלט געשריגן! ער האט אויך געהאט אמאל וואס מען האט אים געגעבן א שאס, ער האט זיך געגעבן א בייג, און ער איז געראטעוועט געווארן![לד]) **יא, אזוי האט דער אויבערשטער געפירט.**

---

[לד] עיין תוכן הסיפור בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות תרל"א.

אזעלכע מעשיות איז געווען ביי מיר אסאך מאל[לה].

איין רגע! איין רגע! איין רגע!

(ר' נחמן: פרייטיג צונאכטס?) יא יא! איין רגע!

❖

(מדברים אודות השיחה שהתבטא פעם החסיד ר' שמואל אייזיק - מתלמידי רביז"ל: "אויב איך זאל זאגן היינט דעם אייגענעם שמע ישראל וואס נעכטן, איז מיין לעבן מיר נישט ניחא! (ער איז גרייט זיך צו לייגן) מען זאל מיר אפהאקן דעם קאפ!") למשל, אזא מין דיבור; מען האט פאר רבי נתן'ען געזאגט אז ר' שמואל אייזיק האט אזוי געזאגט, האט רבי נתן געזאגט: "איך האב פון רבי'ן נישט אזוי מקבל געווען; מיר האבן מקבל געווען פון דעם רבי'ן - אפילו אז מען קען נישט דאווענען יום כיפור, זאל מען דאווענען צו "גאט'ס נאמען!".

דאס איז אַן אנדער לשון; דאס איז נישט פשט אז ער האט דאס געהערט פון רבי'ן, נאר אז ער האט מקבל געווען פון רבי'ן אזא מין התחזקות, אז אפילו מען קען נישט דאווענען יום כיפור - דאוונט מען צו "גאט'ס נאמען"!

עס איז דא א ווארט פון רבי נתן'ען: "דעם רבי'נס זאך איז ראש השנה; מיין זאך איז יום כיפור!"[לו].

(שואלים אם המעשה עם ר' נחום שוסטער היה עם ר' אברהם ר' נחמן'ס או עם ר' אברהם שטערנהארץ)
איך האב דאס אליין געהערט פון ר' אברהם שטערנהארץ'ן. ער האט געזאגט אז ער האט גענעכטיגט ביינאכט ביי נחום שוסטער - האב איך זיך פאר אים געשעמט![לז]

---

[לה] עיין סיפור המלא בטעם זקנים קונטרס מ"ה.

[לו] עיין עוד בשיש"ק (חדש) ח"ג אות ת"צ.

[לז] עיין טעם זקנים קונטרס כ"ט: "נחום שוסטער" איז געווען אַן איש פלא, א פראסטער מענטש האט אזוי גוט געמאכט! אך אך, אך אך! געוואלדיג! ער איז געווען אַן איש פלא, נחום שוסטער. ער האט מיר געזאגט - רבי אברהם שטערנהארץ - ס'איז געווען שפעטער, נאך רבי אברהם (ר' נחמנ'ס) הסתלקות, ער איז געווען יום כיפור, ער האט געדאווענט פארן עמוד יום כיפור, האט ער גענעכטיגט ביי נחום שוסטער. (השואל: רבי אברהם איז געבליבן יום כיפור? נארמאל פלעגט ער נישט בלייבן?) יא. ער האט גענעכטיגט יום כיפור ביי נחום שוסטער - ביינאכט יום כיפור. האט רבי אברהם דערציילט אינדערפרי - זאגט ער - **"איך האב**

**"ער האט פארבראכט א נאכט - האב איך זיך פאר אים געשעמט!"**

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: ווען האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געמיינט - "עס וועט קומען א יונגערמאן"?[לח]) **אונזערע לייט פלעגן זאגן אויף אסאך - איך ווייס? - אויף ר' ישראל כהן ע"ה, אויף ר' נאשקע'ן ע"ה, אויף ר' ישראל קארדונער. יעדעס דיבור וואס א צדיק זאגט - און זאגט נישט ארויס וועמען ער מיינט, האט דאך קיין שיעור נישט, יעדער קען זאגן 'דעם', 'דעם', אבער איך קען דאך נישט זאגן אז מיין זאך וואס איך זאג דאס איז דער ריכטיגער.**

❖

**דער בארדיטשובער רב האט אזוי געזאגט: "אז עס קומט יום כיפור פאר כל נדרי, אפילו פיש אין וואסער ציטערן פארן אויבערשטן!".**

**האט זיך אנגערופן רבי נתן: "ווי דארף מען שוין ציטערן אז עס ציטערט זיך נישט!".**

**פיש אין ים ציטערן פארן אויבערשטן!**

❖

## געווארן "דם" ממש ביים סדר...

ר' פסח זאסלאווסקי האט געוואוינט אין טשעהרין, ער איז געווען א גרויסער עושר, א גרויסער ערליכער איד. ער איז געווען דער גבאי אין שול - איידער איך בין געקומען

---

**זיך געשעמט פאר נחום'ען, וואספארא נאכט ער האט פארבראכט!"** יום כיפור ביינאכט, די בכיות זיינע, "האב איך זיך געשעמט פאר אים וואספארא נאכט ער האט פארבראכט" - יום כיפור ביינאכט! יום כיפור ביינאכט איז דער סדר אז מען רוהט זיך אפ, און וואספארא נאכט ער האט פארבראכט... ער איז א שוואכער מענטש געווען יענע מאל ממש - א קראנקער מענטש געווען! "איך האב זיך געשעמט פאר אים, וואספארא נאכט ער האט פארבראכט!".

[לח] עיין שיש"ק (החדש) ח"א אות קע"ג: אָמַר רַבֵּנוּ: **"סִי וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ צַייט סִי וֶועט זַיין אַ יוּנְגֶער מַאן וָואס וֶועט בַּאשַׁיינֶען מַיין זַאךְ"**. ובהערה שם: וְהָיָה אוֹמֵר בָּזֶה רַבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל שֶׁדִּבּוּר זֶה חָל עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הֶחָפֵץ בֶּאֱמֶת וּמִתְקָרֵב בֶּאֱמֶת וְרוֹצֶה בֶּאֱמֶת וּבֶאֱמוּנָה לְפָאֵר לְרוֹמֵם וּלְהַדֵּר אֶת שֵׁם רַבֵּנוּ בָּעוֹלָם.

איז ער געווען גבאי. איך האב אים נישט געקענט, נאר וואס דען, ר' שמשון'ס א פעטער, זיין טאטן'ס א ברודער איז געווען ביי אים איינגעשטעלט, ער האט געארבעט ביי אים. האט ער מיר דערציילט - ר' שמשון'ס פעטער, ער איז געווען ביי אים (- ר' פסח) אויף פסח, ער האט געדארפט דארטן האלטן פסח אין טשעהרין. דער ר' פסח איז דאך געווען א גרויסער עושר, האט ער געבראכט פון דארטן - - - א גוטן וויין - דארט איז געווען דער ארט פון וויין - און פאר איר האט ער גענומען עקסטער א גוט פלעשל וויין - פאר דער פרוי.

ער האט זייער א רייכער סדר געמאכט, שיינע וויינען; איר האט ער געגעבן זייער א גוט פלעשל וויין וואס עס איז געווען א יקר המציאות. האט זי גענומען דאס פלאש און האט אים דאס געווארפן אין קאָפּ אריין - זי האט אים צעבלוטיגטביים סדר - עס איז געווארן - - דער 'דם ממש' איז געווארן ביים סדר...

ער האט גארנישט געענטפערט קיין ווארט, אזא ווייב האט ער געהאט, אינמיטן סדר נעמען,ווארפן דעם פלאש אין קאפ - "אזא וויין גיסטו מיר?!" איז געווארן דער טיש פול מיט בלוט, איז געווארן "דם" ממש!

דער ר' פסח איז געווען א איד א גביר און א גרויסער ערליכער איד, האט ער אלע יארן געליטן פון איר; ער האט זיך בשום אופן נישט געוואלט גט'ן.

דער טשעהרינער רב האט אים געזאגט: "הער דיך איין, דו ווילסט ליידן, אבער דו ביסט דאך אונז מבזה; עס איז דאך אונז א בזיון!" האט דער טשעהרינער רב זיך אריינגעלייגט און געזעהן ער זאל מאכן א גט. האט ער איר אוועקגעגעבן א הויז און ער האט איר אלע יארן אויסגעהאלטן מיט פרנסה; ווייל ווער וועט איר נעמען? קיינער וועט דאך איר נישט נעמען! ער האט געמוזט פאלגן דעם טשעהרינער רב, ער האט דאך נישט געקענט.

(השואל: פארוואס האט דער טשעהרינער רב אזוי געהייסן?) ווייל עס איז געווען א בזיון פאר אונזערע לייט; זי פלעגט אים נאכלויפן מיט א בעזעם אינמיטן גאס... זי פלעגט אים שלאגן אינמיטן גאס... זי איז געווען א משוגע'נע. אין די יונגערע יארן איז זי געווען א שלעכטע, ער האט דאך אבער געהאט קינדער מיט איר, איז אין די יונגערע יארן האט

ער געליטן פון אירע אלע שלעכטקייטן, צום סוף איז אבער שוין ממש געווען - מען האט נישט געקענט בשום אופן.

ער האט געזאגט: **"אט דאס איז דער ביין וואס איז געפאלן אין מיין חלק!"...**[לט]

**'בשום אופן - דאס איז מיינע יארן! דאס איז מיין ביין'!**

א גרויסער ערליכער איד געווען, אַן עובד ה'; האט ער א משוגע'נעם לעבן - וואס אַרט עס אים?! אבער אז דער טשעהרינער רב האט זיך ארייגעלייגט, האט ער געמוזט געבן א גט. האט ער איר געגעבן א באזונדערן וואוינונג און ער האט איר אלע יארן אויסגעהאלטן מיט פרנסה.

אזוי האבן מיר געזעהן; נחום שוסטער האט געהאט א ווייב א שלאַק א צרה; און שבתי (ברסלב'ער) א ווייב א שלאַק; אבער זיי האבן זיך נישט גע'גט, זיי זענען געבליבן, אויסגעלעבט די יארן, זיך נישט געוואלט גט'ן, אלע יארן געלעבט און בשום אופן זיך נישט געוואלט גט'ן.

ביי אונז איז געווען גט'ן א געוואלד אויף נישט![מ]

[לט] עיין תיקו"ז תיקון ס"ה: אִתְּתָא דְאִתְנְטִילַת מִגַּרְמָא. אָמַר בֶּן סִירָא: **גַּרְמָא דְנָפִיל בְּחוּלָקָךְ 'טַב' אוֹ 'בִישׁ'- גַּרְרֵיהּ.** עיין גם "אוצר היראה" ערך 'אמונה' אות ר"י.

[מ] עיין עוד עלים לתרופה במכתב מיום ד' שמות תקצ"ב.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

**מו"ה ישׂשכר ליכטער הי"ו**
מאנסי
**לרגל הכנסת בנו כמר נתן נטע נ"י לעותומ"צ**
**למזל טוב**

**מו"ה יואל לוי ניימאן הי"ו**
קרית יואל
**לרגל נישואי בנו החה"ח ישראל זונדל נ"י**
**למזל טוב**

**מו"ה חיים גאלדרינג הי"ו**
לעיקוואד
**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון בן מיינדל**
**לרפו"ש**

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה **יצחק יעקב** ב"ר **מרדכי הלוי** ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת **רוחמה שרה** ע"ה בת ר' **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת **פיגא רבקה** בת ר' **חיים צבי** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

**תהא נשמתם צרורה בצרור החיים**